**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 4/18/2022 **גאווערנער קעטי האוקול**

**גאווערנער האוקול דירעקטירט פאר סטעיט אגענטורן צו גרייט מאכן עמערדזשענסי אפרוף מיטלען אין פארברייטערונג פאר שפעט-אין-סעזאן ווינטער שטורעם**

***ווינטער שטורעם ווארענונגען אין קראפט לענגאויס צענטראל ניו יארק, מיטל-הודסאן, מאוהאק וואלי, נארט קאנטרי און סאוטערן טיער ראיאנען***

***העכערע ערטער וועלן זען די שווערסטע שנייפאל מיט איבער א פיס שניי פאר טיילן פון צענטראל ניו יארק און מיטל-הודסאן ראיאנען***

***שנייפאל ראטעס פון 1-2 אינטשעס פער שטונדע ערווארטעט ביז דינסטאג צופרי אין דעם נארט קאנטרי***

***ניו יארקער ווערן געמוטיגט פאר פאטענציעלע געפאלענעביימער און עלעקטרישע קראפט אויסלעשונגען; זייט פארזיכטיג ביים דינסטאג קאָמיוט***

גאווערנער קעטי האוקול האט היינט דירעקטירט פאר סטעיט אגענטורן צו גרייט מאכן עמערדזשענסי אפרוף מיטלען אזוי ווי א שפעט-אין-סעזאן ווינטער שטורעם ווערט פאראויסגעזען צו ברענגען שניי און רעגן צו עטליכע טיילן פון דעם סטעיט אנגעהויבן מאנטאג אוונט און אנהאלטנדיג ביז מיטוואך אינדערפרי. ווינטער שטורעם ווארענונגען פאר שווערע שניי זענען איצט אין קראפט לענגאויס העכערע ערטער אין דעם צענטראל ניו יארק, מיטל-הודסאן, מאוהאק וואלי, נארט קאנטרי און סאוטערן טיער ראיאנען, וואס נעמט אריין די קעטסקילס. די ערטער זענען ערווארטעט צו זען די שווערסטע שנייפאל מיט ביז א פיס שווערע, נאסע שניי ערווארטעט אין טיילן פון צענטראל ניו יארק און די מיטל-הודסאן ראיאנען, ווי אויך פאטענציעלע שנייפאל ראטעס פון 1-2 אינטשעס פער שטונדע אין דער נארט קאנטרי. צוליב די פאטענציעלע אימפאקטן פון דעם סיסטעם זאלן ניו יארקער זיך גרייט מאכן פאר פאטענציעלע געפאלענע בוים-צווייגן און עלעקטרישע קראפט אויסלעשונגען אין די שטחים מיט די שווערסטע שנייפאל, טראצדעם וואס שניי-פארזאמלונג וועט זיין מינימאל. גאווערנער האוקול מוטיגט אויך ניו יארקער צו ניצן פארזיכטיגקייט ביים דינסטאג אינדערפרי קאָמיוט.

״אלס ניו יארקער ווייסן מיר שוין צו גוט אז ווינטער קען אנהאלטן ווייטער פון מערץ, און דעם וואך גרייטן מיר זיך פאר א שטורעם ערווארטעט צו ברענגען ביז א פיס שניי אין געוויסע טיילן פון דעם סטעיט, וואס וועט מאכן א באלאגאן מיט׳ן קאָמיוט דינסטאג,״ **האט גאווערנער האוקול געזאגט.** ״סטעיט אגענטורן זענען גרייט זיך אפצורופן צו דעם שפעט-אין-סעזאן שטורעם סיסטעם און מיר מוטיגן ניו יארקער צו האלטן אן אויג אויפ׳ן פאָרקעסט פאר ארטיגע אימפאקטן און נעמען פאסיגע באווארענישן אויב פארט מען אום דינסטאג.״

טיילן פון צענטראל ניו יארק און די מיטל-הודסאן ראיאנען זענען ערווארטעט צו זען ביז א פוס שניי ביז מיטוואך אינדערפרי. די מאוהאק וואלי ראיאן קען זען ביז זיבן אינטשעס שניי, און א אלגעמיינע 2-5 אינטשעס שניי איז ערווארטעט פאר טיילן פון דער נארט קאנטרי, דער סאוטערן טיער און מערב ניו יארק. די קאפיטאל ראיאן און פינגער לעיקס ראיאנען זענען ערווארטעט צו באקומען צוויי אינטשעס אדער ווייניגער שניי, און די ניו יארק סיטי און לאנג איילענד ראיאנען זענען ערווארטעט צו באקומען עטליכע אינטשעס רעגן פון דעם וועטער סיסטעם. אראפגעפאלענע צווייגן פון בוימער און עלעקטרישע קראפט אויסלעשונגען זענען מעגליך אין ראיאנען מיט די שווערסטע שנייפאל, אפילו אויב אנגעשנייטע אויבערפלאכן וועלן זיין מינימאלע.

מערערע וועטער ווארענונגען, באוואכן און ראטונגען זענען ארויסגעגעבן געווארן איבער'ן סטעיט בעפאר דעם ווינטער וועטער סיסטעם. פאר א פולע ליסטע פון וועטער ווארענונגען און פאָרקעסטן, באזוכט דעם נאציאנעלן וועטער סערוויס ביי [https://alerts.weather.gov](https://alerts.weather.gov).

**ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון היימלאנד סעקיורिטי און עמערדזשענסי סערוויסעס קאמיסיאנערין דזשעקי ברעי האט געזאגט,** "טראצדעם וואס מיר זענען מיר האלבוועגס דורך אפריל, איז שניי קיינמאל נישט אויסגעשלאסן אין אפסטעיט ניו יארק. אונזערע מאנשאפטן זענען פולקאם גרייט צו האנדלען דעם שטורעם און וועלן ארבעטן אינאיינעם מיט אונזערע ארטיגע צוזאמארבעטער זיכער צו מאכן אז זיי האבן אלע הילפס-מיטלען און שטיצע וואס זיי נייטיגן. טראצדעם וואס דער שטורעם איז נישט קיין חידוש פאר ניו יארקער, דארפן מיר אלע בלייבן וואכזאם איבער די קומענדע 24 שעה; קוקט נאך אייער ארטיגע פאָרקעסט, לאזט גענוג און נאך פלאץ דינסטאג אינדערפרי פאר'ן ארומפארן און געדענקט ארייננצוקוקן אויף פריינט און פאמיליע."

<u>**אגענטור פארברייטערונגען**</u>

**דיוויזיע פון היימלאנד סעקיוריטי און עמערדזשענסי סערוויסעס**

דער עמערדזשענסי אפעראציעס צענטער פון דער ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון היימלאנד סעקיוריטי און עמערדזשענסי סערוויסעס וועט האלטן א נאענט אויג אויף וועטער און רייזע אומשטענדן און קאמוניקירן מיט ארטיגע רעגירונג אינסטאנצן בעפאר און דורכאויס די בעפארשטייענדע וועטער אומשטענדן. דער סטעיט'ס זאפאסן ווערן צוגעגרייט אויף ארויסצושטעלן אלע הילפס-מיטלען פאר ארטיגע רעגירונגס אינסטאנצן צו שטיצן סיי וועלכע שטורעם-פארבינדענע געברויכן, אריינגערעכנט פאמפס, טשעינסאָוס, זאמד-זעקלעך, דזשענערעיטארס, פעלדבעטלעך, קאלדרעס און באטלעך וואסער.

**דעפארטמענט פון טראנספארטאציע**

דער סטעיט דעפארטמענט פון טראנספארטאציע מאכט פארברייטערונגען זיך אפצורופן מיט 3,428 סופערווייזערס און אפערעיטערס איבער'ן סטעיט. שטאב קענען אויסגעשטעלט ווערן אין סיי וועלכע סארט אפרוף מאנשאפט לויט ווי עס נויטיגט זיך (פארפלייצונג, טשיפּער, לאדנען און שלעפּען, קאָט ענד טאָס, א.א.וו.). אין צוגאב שטייען גרייט 75 אינצידענט קאמאנד סיסטעם פערסאנאל אויף צו שטיצן דעם אפרוף לויט ווי עס וועט זיך נויטיגן. די געברויך פאר נאך הילפס-מיטלען, אריינגערעכנט אפערירער, טראָקס, מעכאניקער און געצייג אפערירער אנווייזער, וועלן ווידער-אפגעשאצט ווערן לויט ווי אומשטענדן פאדערן דורכאויס דעם צייט אפשניט.

אלע אפעקטירטע איינוואוינער לאקאציעס וועלן זיין אויסגעשטאבט פאר 24/7 אפעראציעס דורכאויס דער וועטער פאסירונג און פריאריטעט אפרוימונג אפעראציעס. אלע פאראנענע שניי און אייז געצייג שטייט גרייט אויף ארויסשטעלן. פלאט מעכאניקער אין אפעקטירטע ערטער וועלן אויסשטאבן אלע הויפט איינוואוינער לאקאציעס 24/7 אויסצופירן פאררירכטונגען און האלטן טראָקס אויפ'ן ראוד. אויסריכטונגען איבער'ן סטעיט זענען ווי פאלגענד:

- 1,705 גרויסע און מיטלמעסיגע שארער-טראָקס
- 48 שלעפער שארער-טראָקס
- 316 לאָודערס
- 13 באָקעט טראָקס
- 72 טשיפערס
- 32 טראפיק סיגנאל טראקס

טראפיק פארוואלטונג צענטערס אין אפעקטירטע ראיאנען וועלן ארויסשטעלן וועטער-פארבינדענע מעלדונגען אויף ענדערנדע-מעסעדזש שילדן וועלכע וועלן געניצט ווערן צו שטיצן עכט-צייטיגע אינצידענטן און פאטענציעלע וויהיקל באגרענעצונגען (אויב נויטיג).

פאר די לעצטע רייזע אינפארמאציע, רופט 511, באזוכט www.511NY.org, אדער דאונלאד׳ט דעם בחנם׳דיגן NY511 מאביל עפ.

**טרו-ווײ אויטאריטעט**
די טרו-ווײ אויטאריטעט איז גרייט זיך אפצורופן מיט 641 מאשיניסטן און סופערוויזערס וועלכע שטייען גרייט. די צאל מאשינען און הילפס-מיטלען איבער׳ן סטעיט זענען ווי פאלגענד:

- 356 גרויסע און מיטלמעסיגע שארער-טראָקס
- 9 שלעפער שארער-טראָקס
- 67 לאָודערס
- מער ווי 113,000 טאָנען זאלץ אויף דער האנט

שילדן מיט אנזאג-ענדערונג פעאיגקייטן און סאושעל מעדיע ווערן געניצט צו ווארענען מאטאריסטן איבער וועטער אומשטענדן אויף דער טרו-ווײ.

די טרו-ווײ אויטאריטעט ראט פאר מאטאריסטן צו דאונלאד׳ען איר מאביל עפ וועלכס איז צו באקומען בחינם אויף איי-פאָן און ענדראָוד סמארטפאנס. דער עפ שטעלט צו פאר מאטאריסטן דירעקטע עכט-צייטיגע טראפיק אינפארמאציע, לעבעדיגע טראפיק קאמערעס און נאוויגאציע הילף בשעת׳ן זיין אויפ׳ן וועג. מאטאריסטן קענען זיך איינשרייבן פאר TRANSalert אימעילס, וועלכע באריכטן די לעצטע טראפיק אומשטענדן לענגאויס דעם טרו-ווײ.

**דעפארטמענט פון ענווייראנמענטאל אפהיטונג**
DEC ענווייראנמענטעל קאנסערוועישען פאליציי אפיצירן, וואלד רעינדזשער, עמערדזשענסי פארוואלטונג שטאב, און ראיאנישע מאנשאפט זענען אויף דער וואך און האלטן אן אויג אויף דעם אנטוויקלענדן מצב און פאטראלירן אקטיוו די געגנטער און אינפראסטרוקטור וואס שטייען אויס געטראפן צו ווערן פון די שווערע וועטער. אלע אפרוף-מיטלען וואס זענען פאראן, אריינגערעכנט סאויערס, זענען פלאצירט צו העלפן מיט סיי וועלכע עמערדזשענסי אפרוף.

DEC ראט פאר איינוואוינער אין מער פארווארפענע ערטער צו זיין באוואוסטזיניג און זיך גרייטן פאר אוואלאנש אומשטענדן צוליב וועטער וואס קען פארמערן דער ריזיקע פון אוואלאנשן אויף גליטשער אדער טיפע, אפענע באדן. מער אינפארמאציע איז צו באקומען דא.

**אפיס פון פארקס, פארוויילונג, און היסטארישע אפהיטונג**
ניו יארק סטעיט פארק פאליציי און פארק באאמטע זענען אויף דער וואך און האלטן א נאנטן אויג אויף די וועטער אומשטענדן און באטרעפונגען. פארק באזוכער זאלן נאכקוקן אויף [parks.ny.gov](http://parks.ny.gov) אדער רופן זייער לאקאלע פארק אפיס פאר די לעצטע אפדעיטס וועגן פארק שעה׳ן, עפענונגען, און פארשליסונגען.

**דעפארטמענט פון פובליק סערוויס**
ניו יארק׳ס יוטיליטי פירמעס האבן אומגעפער 6,750 ארבעטער גרייט אויסצופירן שאדן אפשאצונגען, אפרוף, פאררעכטונג און אויפריכטונג ארבעט לענגאויס ניו יארק סטעיט. אגענטור שטאב מיטגלידער וועלן אכט געבן אויף די ארבעט פון יוטיליטיס דורכאויס די וועטער אומשטענדן און פארזיכערן אז יוטיליטי פירמעס שטעלן צו די נייטיגע מאנשאפטן צו די ראיאנען וועלכע ווערן דאס מערסטע באטראפן.

**ניו יארק סטעיט פאליציי**
סטעיט פאליציי וועלן האלטן א נאענט אויג אויף די אומשטענדן און וועלן זיין גרייט ארויסצושטעלן נאך טרופערס אויב נויטיג. אלע סטעיט פאליציי פאָר-וויל-דרייוו און ספעציעליזירטע וויהיקלס, ארייגערעכנט שניי-מאבילן און יוטיליטי טערעין וויהיקלס, ווערן גרייט געמאכט אויף באלדיגע אפרוף.

**ניו יארק פאווער אויטאריטעט / קאנאל קארפארעישען**
די ניו יארק סטעיט פאווער אויטאריטעט און דער קאנאל קארפארעישען שטאב פירן אויס פארברייטערונגן זיכער צו מאכן אז אלע איינריכטונגען און אפרוף-מיטלען און געצייג זענען גרייט און אויפ׳ן פלאץ. דער פאוער אויטאריטעט איז גרייט אונטערצושטיצן ענערגיע צוריקשטעל אקטיוויטעטן אויב נייטיג.

__**זיכערהייט עצות**__
**ווינטער ארומפארן**
דער פירנדע גורם פון טויטפאל און פארוואונדעט ווערן דורכאויס ווינטער שטורעמעס איז טראנספארטאציע-פארבינדענע צוזאמשטויסונגען. בעפאר זיך זעצן הינטער׳ן רעדל, מאכט זיכער אז אייער קאַר איז אפגערוימט פון אייז און שניי; גוטע זעעדיגקייט איז דער שליסל צו גוטע דרייוו׳ען. פלאנירט אייערע סטאַפּס און לאזט איבער גענוג פלאץ צווישן אנדערע קאַרס. זיין עקסטערע באווארנט און געדענקט אז שניי-בערגלעך קענען באהאלטן הינטער זיך קלענערע קינדער. כסדר האלטס אייער ספּיעד צוגעפאסט צו די שאסיי און וועטער אומשטענדן.

עס איז וויכטיג פאר דרייווערס אויף אלע וועגן אנצומערקן אז שניי-שארער-טראָקס פארן מיט א שנעלקייט ביז 35 מייל א שעה, וואס איז אפטמאל וויניגער ווי דער באשטימטע ספּיעד לימיט, צו פארזיכערן אז די פארשפרייטע זאלץ בלייבט אין די דרייווינג לעינס און שפרייט זיך נישט ביי די זייטן פון די וועגן. אפטמאל אויף אינטערסטעיט הייוועיס וועלן שארער-טראָקס אפערירן איינס נעבן צווייטן, וויבאלד דאס איז די מערסט-ווירקזאמע און זיכערסטע אופן אפצורוימען עטליכע לעינס אויף א מאל.

דרייווערס און פיסגייער זאלן האלטן אין געדאנק אז שארער-טראָק דרייווערס זענען באגרעניצט אין וואס זיי קענען זען, און די גרויסקייט און די שווערע וואג פון די שארער-געצייג קענען מאכן זייער שווער זיך שנעל אוועקצודרייען אדער אפשטעלן. שניי וואס בלאזט פון הינטער׳ן שארער-טראָק קען שטארק רעדוצירן זעעוודיגקייט אדער פאראורזאכן ווייט-אָוט אומשטענדן. דרייווערס זאלן נישט פרובירן פארבייגיין שארער-טראָקס אדער נאכפארן צו נאענט. די זיכערסטע פלאץ פאר דרייווערס איז צו דרייוו׳ען גוט אפגעזונדערט פון די שארער-טראָקס וואו דער שאסיי איז שוין אפגערוימט און באזאלצן.

עטליכע פון די וויכטיגסטע עצות פאר זיכערע דרייוו׳ען רעכענען אריין:

- ווען עס טרעפן זיך ווינטער שטורעמעס, דרייוו׳ט נישט אויב עס איז נישט וויכטיג.
- גיבט אפ אכט אויף בריקן וויבאלד אייז קען זיך פארעמען שנעלער ווי אויף די ראודס.
- נאסע בלעטלעך אויף וועגן קענען פאראורזאכן גליטשיגע אומשטענדן, און עס איז דערפאר נאך וויכטיגער צו דרייוו׳ען שטייטער ווען מען קומט אט-אט צו שטרעקעס דערפון.
- מאכט זיכער איר האט אין אייער קאר קאלדרעס, א שאָוועל, פלעשלייט, און עקסטערע באטעריעס, עקסטערע ווארעמע קליידונג, א סעט פון טייער-טשעינס, באטערי בוסטער קעיבלס, הויכע-ענערגיע עסנווארג און ליכטיג-געפארבטע סחורה צו ניצן אלס צייכן אויב איר נויטיגט זיך אין הילף.
- האלטס אייער גאז טאנק אנגעפילט כדי נישט האבן קיין פראבלעמען מיט גאזאלין דערפרירונג.
- אויב איר האט א סעלפאָן אדער טו-וועי ראדיא אויף צו ניצן, האלטס די באטעריס גע׳טשארדזש׳ט און האלטס עס מיט אייך ווען איר פארט. אויב איר ווערט געשטראנדעט, וועט איר קענען רופן פאר הילף, אנווייזן פאר אייערע רעטער וואו איר געפינט זיך.
- מאכט זיכער אז עמיצער קען אייערע רייזע פלענער.
- בשעת׳ן דרייוו׳ען, האלטס אייער קאר אפגערומט פון אייז און שניי.
- פלאנירט אויס סטאָפּס און לאזט גענוג פלאץ צווישן קאַרס. כסדר האלטס אייער ספּיעד צוגעפאסט צו די שאסיי און וועטער אומשטענדן.

פאר מער סעיפטי עצות, באזוכט דער ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון היימלאנד סעקיוריטי און עמערדזשענסי סערוויסעס וועבזייטל אויף https://www.dhses.ny.gov/safety.

###


נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418



זיך אויסשרייבן